פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# וועגן אייער סטעם צעל טראנספלאנט (Stem Cell Transplant): אינפארמאציע פאר קינדער פאציענטן

ברוכים הבאים צו די קלעיר טאו פידיאטריק אינפאציענט יוניט (Claire Tow Pediatric Inpatient Unit, M9) ביי MSK דער וועגווייזער ענטהאלט אינפארמאציע איבער אייער צייט אין שפיטאל און וואס צו טון נאך וואס איר ווערט באפרייט. אין דעם וועגווייזער, גייט די ווארט "איר" ארויף אויף אייך אדער אייער קינד.

פון ווען איר ווערט אריינגענומען צו די שפיטאל, וועט זיך אנפאנגען א קאונטדאון פעריאד. דורכאויס די פעריאד פון אראפצייילן, וועט איר באקומען סייטארעדאקטיוו טעראפיע, אריינגערעכנט כעמאטעראפיע, ראדיאציע טעראפיע, אדער ביידע. די באהאנדלונגען וועלן מאכן אייער גוף גרייט פאר אייער טראנספלאנט.

טאג 0 איז די טאג פון אייער טראנספלאנט. די טעג נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט ווערן דאן געציילט אויף ארויף (טאג +1 איז די ערשטע טאג נאך אייער טראנספלאנט).

אייער קעיר שטאב איז דא כדי צו צושטעלן קעיר און עמאציאנאלע שטיצע סיי פאר אייך און פאר אייער פאמיליע לענגאויס אייער באהאנדלונג. האט נישט מורא צו פרעגן די זעלבע פראגע מער פון איין מאל. טראנספלאנט אינפארמאציע איז שווער צו פארשטיין. מערסטנס מענטשן דארפן הערן זאכן עטליכע מאל ביז זיי פארשטייען עס אינגאנצן. מיר ווייסן אז עס וועט זיין א שווערע רייזע פאר אייך, אבער מיר וועלן אייך באגלייטן אויף יעדע טריט פון דעם וועג.

## אייער טראנספלאנט גרופע פון שטאב מיטגלידער

א גרופע פון מעדיצינישע שטאב וואס איז ספעציעל באהאווענט אין קענסערס פון קינדער, בלוט קראנקהייטן, אימיון קראנקהייטן, און ביין מארך פראבלעמען וועלן זיך אפגעבן מיט אייך דורכאויס אייער באהאנדלונג. האבן א גרופע פון שטאב מיטגלידער וועלכע ארבעטן צוזאמען

זיך אפצוגעבן מיט אייך פארזיכערט אז אלע טיילן פון אייער באהאנדלונג ווערן אדרעסירט. פאלגנד איז א שילדערונג פון אונזערע שטאב מיטגלידער.

## דאקטוירים

**אנוועזנדע דאקטוירים** זענען עקספערטן אין קינדער קעיר, העמאטאלאגיע-אנקאלאגיע, אימיונא-טעראפיע, און סטעם צעל טראנספלאנטאציע. דער דאקטער וואס איר זעט אין די פידיאטריק (קינדער) אמבולאטארי קעיר צענטער וועט מעגליך נישט זיין דער זעלבער דאקטער וואס געבט זיך אפ מיט אייך ווען איר בלייבט אין שפיטאל. טראנספלאנט דאקטוירים נעמען רייעס צו ארבעטן אין די אינפאציענט יוניט. זיי ארבעטן געווענליך אין די אינפאציענט יוניט פאר 1 אדער 2 וואכן אויפאמאל. אין יענע צייט, זענען זיי פאראנטווארטליך פאר אלע טראנספלאנט פאציענטן 24 שעה א טאג. אינעם צייט וואס איר בלייבט אין שפיטאל, וועט די אינפאציענט אנוועזנדער דאקטער זיין פאראנטווארטליך פאר אייער טעגליכע באהאנדלונג. אויב סיי וועלכע גרויסע פראבלעמען מאכן זיך אינעם צייט וואס איר זענט אין שפיטאל, וועט דער אינפאציענט אנוועזנדער דאקטער זיי אדורכרעדן מיט אייער הויפט טראנספלאנט דאקטער. איינמאל א וואך, וועלן זיך אלע אנוועזנדע דאקטוירים צוזאמזעצן אדורכצורעדן אייער פארשריט.

**פעלאוס** זענען דאקטוירים פון קינדער וועלכע טוען טרענירונג אין קינדער העמאטאלאגיע-אנקאלאגיע. זיי ארבעטן שטארק צוזאמען מיט די אנוועזנדע דאקטוירים זיך אפצוגעבן מיט אייער באהאנדלונג. דער אינפאציענט פעלאו טוישט זיך יעדע 3 ביז 5 וואכן.

## העכערע פראקטיק פראווײדערס (O’APP)

**O’APP** זענען א גרופע פון מעדיצינישע פראווײדערס וואס נעמט אריין **דאקטער’ס געהילפן (O’PA)** און **נורס פראקטישינערס (O’NP)** זיי ארבעטן צוזאמען מיט די אנוועזנדע דאקטוירים זיך אפצוגעבן מיט אייער באהאנדלונג. דאס נעמט אריין דורכפירן פיזישע אונטערזוכונגען, פארשרייבן מעדיצינען און נאכגיין אייער טעסט רעזולטאטן און פארשריט. איר וועט זיי זען אפט, סיי אין די פידיאטריק אמבולאטארי קעיר צענטער איידער און נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט און אין די אינפאציענט יוניט.

## נורס קאארדינעיטערס פאר ביין מארך טראספלאנט (BMT) פון קינדער

זיי זענען רעגיסטרירטע נורסעס וועלכע ארבעטן אויס די אפשאצונג און צוגרייטונג פון אלע פעדיאטרישע סטעם צעל טראנספלאנט פאציענטן פאר איר קומט צום שפיטאל. זיי ארבעטן זייער שטארק צוזאמען מיט אייך און די גאנצע BMT שטאב צו מאכן זיכער אז איר

האט גענומען אלע אייער פרי-טראנספלאנט בלוט-טעסטס, טעסטס און פראצעדורן.

זיי זענען אויך פאראנטווארטליך אייך צו ערקלערן איבער אייער סטעם צעל טראנספלאנט. זיי וועלן העלפן מאכן זיכער אז איר פארשטייט די סיבות פאר אייער באהאנדלונג און איינצלהייטן איבער אייער באהאנדלונג איידער און בשעת אייער צייט אין שפיטאל. זיי וועלן אויך ארבעטן מיט אייער קעיר שטאב צו מאכן זיכער אז איר האט די שטיצע, מיטלען און געצייג וואס איר דארפט זיך צו ערהוילן פון אייער טראנספלאנט און פארלאזן דעם שפיטאל.

## רעגיסטרירטע נורסעס (O’RN)

O’RN שטעלן צו וויכטיגע, קריטישע קעיר פאר׳ן פאציענט. זיי ארבעטן צוזאממען מיט די דאקטוירים און שטיצע שטאב גרופע צו אדרעסירן פארשידענע הינזיכטן פון אייער באהאנדלונג, היילונג, און ערהוילונג. דורכאויס אייער באהאנדלונג, וועט אייער נורס אייך אויסלערנען זאכן איבער פארשידענע טעמעס, אריינגערעכנט וועלכע מעדיצינען איר נעמט, פארוואס איר נעמט זיי, וויאזוי צו ריכטיג קעיר נעמען פון אייער סענטראל ליין, און פיל מער. די זעלבע גרופע פון הויפט נורסעס וועלן זיך אפגעבן מיט אייך דורכאויס אייער גאנצע צייט אין שפיטאל. אייער הויפע נורסעס בויען א נאנטע פארבינדונג מיט אייך און קענען באמערקן קליינע ענדערונגען אין אייער צושטאנד.

## פארשונג נורסעס און פארשונג O’APP

זיי זענען רעגיסטרירטע נורסעס און O’APP וועלכע ארבעטן שטארק צוזאממען מיט די קלינישע שטאב גרופע אויף פארשידענע פארשונג שטודיעס וואס קינדער פאציענטן קענען אנטייל נעמען אין.

## נורסינג געהילפן

נורסינג געהילפן העלפן ארויס די רעגיסטרירטע נורסעס מיט איינפאכע פאציענט באהאנדלונג, אזוויאזוי איבערקוקן אייער וואג און וויטעל סיינס (טעמפעראטור, הארץ ראטע, און בלוט דרוק) יעדן טאג. זיי קענען אייך העלפן מיט זיך באדן יעדן טאג.

## פסיכאלאגיע סערוויסעס

די פסיכאלאגיע שטאב גרופע באשטייט פון פסיכיאטער און פסיכאלאגן. זיי זענען גרייט ארויסצוהעלפן אייך און אייער פאמיליע זיך צו שטארקן איבער די אנגעשטרענגקייט פון באהאנדלונג. זיי זענען א וויכטיגע טיילפון די טראנספלאנט שטאב. מיר בעטן זיי זיך צו טרעפן מיט אלע פאציענטן און פאמיליעס דורכאויס זייער אינפאציענט צייט אין שפיטאל.

## ערהוילונגס מעדיצינישע שטאב גרופע

די ערהוילונגס מעדיצינישע שטאב גרופע נעמט אריין סיי פיזישע טעראפיסטן (OPT) און אקיופעישענאל טעראפיסטן (OOT). זיי זענען א גרויסע טייל פון אייער אינפאציענט צייט אין שפיטאל. זיי וועלן ארבעטן מיט אייך צו אפשאצן אייערע געברויכן און אייך העלפן בלייבן וואס מער אקטיוו וואס איז מעגליך.

## נערונג סערוויסעס

די נערונג סערוויסעס שטאב גרופע האט סיי אוטפאציענט און אינפאציענט קלינישער עסנווארג נוטרישאניסטס. זיי וועלן האלטן אן אויג אויף אייער וואג און מאכן זיכער אז איר באקומט גענוג נערונג איידער, בשעת, און נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט.

א **צימער סערוויס אסאסיאט** וועט ערקלערן וויאזוי צימער סערוויס ארבעט, אריינגערעכנט די שעות פון ארבעט, די ספעציפישע מעניוס וואס האבן אייער מעדיצינישע און קולטורישע ריעטישע געברויכן, און וויאזוי צו באשטעלן. זיי וועלן מאכן זיכער אז איר באקומט די מאלצייטן, סנעקס און סופלעמענטס וואס איר דארפט דורכאויס דעם טאג.

## קינדער גאסטרא-אינטעסטינעל (GI) סערוויסעס

די קינדער GI סערוויס נעמט אריין העלטקעיר פראוויידערס ספעציעל באהאווענט אין זיך אפגעבן מיט קינדער מיט GI פראבלעמען. אויב איר האט געהאט GI פראבלעמען איידער אייער סטעם צעל טראנספלאנט אדער אנטוויקלט נייע נאך אייער טראנספלאנט, וועט א העלטקעיר פראוויידער פון די קינדער GI שטאב גרופע ארבעטן צוזאמען מיט אנדערע מיטגלידער פון אייער באהאנדלונג שטאב גרופע צו דיאגנאזירן און באהאנדלען אייער GI פראבלעם.

## קינדער ווייטאג און פאליאטיוו קעיר טיעם

די פידייאטריק ווייטאג און פאליאטיוו קעיר טיעם (PACT) איז א טיעם פון דאקטורים און APPs וואס שטיצן קינדער און פאמיליעס מיט ערנסטע קראנקייטן ביי MSK קידס. די ציל פון פאליאטיוו קעיר איז צו ערווארטן, פארמיידן, און אדורכגיין פיזישע, פסיכאלאגישע, געזעלשאפט, און גייסטישע שוועריקייטן אינעם צייט פון העלפן פאציענטן און זייערע פאמיליעס דורכאויס זייער באהאנדלונג. פאליאטיוו קעיר איז וויכטיג און הילפבאר נישט קיין חילוק ווי אלט דער פאציענט איז, וועלכע שטאפל פון קראנקהייט זיי האלטן ביי, אדער אויב זייער באהאנדלונג ווערט געמאכט אינפאציענט אדער אוטפאציענט.

די PACT איז קאנצענטרירט אויף פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע יונגע פאציענטן דורך באהאנדלען ווייטאג און אנדערע סימפטאמען. זיי זענען צו באקומען אנצוווייזן אונזער שטאב איבער נייע מעדיצין און אינאוואטיווע פראצעדורן, באזונדער פאר

וויטאג.

די PACT רעכנט זיך מיט אייער וואונטשן, ווערדן, און קולטוראלע גלויבונגען און מוטיגט אייך און אייער פאמיליע צו זיין אקטיוו אין מאכן באשלוסן איבער אייערע צילן און פלענער פון קעיר. דער PACT וועט ארבעטן אינאיינעם מיט אלע מיטגלידער פון אייער באהאנדלונגס שטאב גרופע צו פארזיכערן אז איר און אייער פאמיליע האבן די שטיצע וואס איר ברויכט צו לעבן דאס בעסטע מעגליך.

## אפטייקער

א קלינישער אפטייקער זענען וואס ספעציעליזט זיך אין די באהאנדלונג פון מענטשן וואס האבן סטעם צעל טראנספלאנטן וועט איבערקוקן אייער מעדיצין מיט אייך. זיי וועלן אייך ערקלערן וויאזוי עס צו נעמען און אייך זאגן איבער סיי וועלכע זייטן-ווירקונגען וואס זיי קענען ברענגען. זיי וועלן שאפן און צושטעלן אייער מעדיצין סקעדשול פאר אינדערהיים און מאכן זיכער אז אייער מעדיצין ווערט דעליווערט צו אייער צימער פאר איר פארלאזט דעם שפיטאל. זיי זענען דא צו באקאומען אויפן אינפאציענט שטאק ווי אויך אין די אוטפאציענט קליניק איבערצוקוקן סיי וועלכע מעדיצין וואס איז ניי אדער אויב עס זענען דא סיי וועלכע טוישונגען אין אייערע דאזעס און מעדיצין סקעדשול.

## פערטיליטי סערוויס

אייער טרענספלענט שטאב קען אייך פארשלאגן זיך צו טרעפן מיט אונזער פערטיליטי סערוויס. די פערטיליטי סערוויס וועט דיסקוסירן וויאזוי אייער באהאנדלונג קען אפעקטירן אייער מעגליכקייט צו האבן קינדער אינעם צוקונפט, און די שריט וואס איר קענט נעמען אנצוהאלטן אייער פערטיליטי. די סאציאלע ארבעטער קענען אייך אויך העלפן דורכגיין די קאסטן פון פערטיליטי באהאנדלונגען אויב איר זענט אינטערסיטר און בארעכטיגט.

שטיצנדע סערוויסעס זענען אויך עוועילעבל און נעמען אריין סאציאלע ארבעט, קינדער לייף, פסיכאלאגיע, לערערס, ספיריטועלע קעיר און אינטעגראטיווע מעדיצין.

## ענוויירענמענטאלע סערוויסעס

מיטגלידער פון די ענוויירענמענטאלע סערוויס שטאב גרופע שפילן א וויכטיגע ראלע אין אראפברענגען אייער געפאר פון אנצינדונג דורך דיס-אינפעקטירן טישן, קאונטערס א.ד.ג., ריניגן די ערד, טוילעט, און לופט רערן, און ארויסנעמען מיסט. זיי וועלן קומען צו אייער צימער כאטש 2 מאל א טאג און ווען עס פעלט אויס צו האלטן אייער צימער ריין.

# אייער שפיטאל צימער

ווען איר ווערט אריינגענומען צו די אינפאציענט יוניט, וועט איר זיין אין א פריוואטע צימער. דאס ווערט אנגערופן באשיצנדע איזאלירונג.

איר קענט טראגן אייער אייגענע נאכטקליידער אדער באקוועמע קליידער, אדער קענט איר טראגן א שפיטאל גאון. ביטע טראגט נישט-גליטשיגע שיך אדער זאקן ווען איר גייט ארויס פון בעט. אייער נורס קען אייך געבן נישט-גליטשיגע שפיטאל זאקן, אדער קענט איר ברענגען א פאר פאנטאפל פונדערהיים.

## באשיצנדע איזאלירונג זיכערהייט מאסנאמען

ווען איר ווערט אריינגענומען אין שפיטאל, ווערט איר געלייגט אויף **באשיצנדע איזאלירונג זיכערהייט מאסנאמען**אייך צו באשיצן פון באצילן. דאס מיינט אז יעדער אינעם צימער, אויסער אייך, מוז וואשן זייער הענט און טראגן א מאסקע און הענטשיקעס. עס מיינט אויך אז איר קענט נישט פארלאזן דעם צימער אויסער אויב עס איז צו גיין צו א טעסט אדער באהאנדלונג. איר קענט גערן באצירן אייער צימער, אבער איר קענט נישט האבן פרישע בלומען אדער געוואוקסן אינעם צייט וואס איר זענט אין שפיטאל. זיי זענען אן אנהויב פונקט פאר באצילן און פונגוס.

אויב איר כאפט אן אנצינדונג אזוווי *C. difficile*,וועט איר געלייגט ווערן אויף **ספעציעלע פארבינדונג איזאלירונג זיכערהייט מאסנאמען**.אויב איר באקומט אן אטעמען אנצינדונג, וועט איר געלייגט ווערן אויף **טראפנס איזאלירונג זיכערהייט מאסנאמען**.

# אייער טעגליכע סדר היום

## ראונדס

אייער העלט קעיר שטאב גרופע וועט זיך טרעפן יעדן טאג צו אדורכרעדן אייער בלוט טעסט רעזולטאטן, פליסיגקייטן וואס איר נעמט אריין און ארויס, ווייטעל סיינס, מעדיצינען און וויאזוי איר רעאגירט צו באהאנדלונג. זיי וועלן אויך באשליסן אייער פלאן פון באהאנדלונג. די דאזיגע זיצונג רופט זיך ראונדס.

יעדע אינדערפרי גאנץ פרי, וועט דער APPוואס געבט זיך אפ מיט אייך אריינקומען און אייך איבערקוקן כדי צו קענען אפדעיט'ן די שטאב גרופע איבער אייער פיזישע צושטאנד ביי ראונדס. נאך וואס אייער שטאב גרופע האט ארומגערעדט אייער פלאן פון באהאנדלונג פאר'ן טאג, וועלן זיי אריינקומען אין אייער צימער און אייך אונטערזוכן. אויפשטיין און זיך אנטון איידער די אינדערפרי ראונדס איז הילפבאר כדי איר זאלט זיין גרייט צו רעדן מיט די שטאב גרופע ווען זיי קומען אן.

צומאל, קען די טראנספלאנט פראצעדור זיין אסאך צו פארנעמען. איר און אייערע קעירגעבערס קענען נוצן די ליידיגע פלאץ אויפ'ן צווייטן זייט פון דעם וועגווייזער אראפצושרייבן סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט איידער ראונדס אייך צו העלפן געדענקען וואס צו פרעגן.

## וואג

מען וועט אייך אפוועגן 1 צו 2מאל א טאג. אייער באהאנדלונג שטאב גרופע דארף וויסן וויפיל איר וועגט איידער זיי טוען די אינדערפרי ראונדס. דאס קומט געווענליך פאר צווישן 12 a.m. און 9 a.m. זיי וועלן נוצן די אינפארמאציע צו מאכן וויכטיגע באַשלוסן איבער אייער באהאנדלונג. א מערהייט פון ענדערונגען אין וואג דורכאויס א סטעם צעל טראנספלאנט האספיטאליזאציע פאסירן צוליב א העכערונג אדער נידערונג אין פליסיגקייטן (וואסער).

## ווייטעל סיינס

אייער קעיר שטאב וועט נאכקוקן אייער ווייטעל סיינס (בלוט דרוק, טעמפעראטור, הארץ ראטע, אטעמען ראטע, און שטאפל פון אקסידזשען אין די בלוט) כאטש יעדע 4 שעה סיי בייטאג און סיי ביינאכט. קיינער האט נישט ליב צו ווערן אויפגעוועקט, אבער די מעסטונגען זענען וויכטיג. אויב אייער ווייטעל סיינס טוישן זיך, וועט איר מעגליך מוזן ווערן אונטערגעזוכט דורך אייער מעדיצינישע שטאב גרופע.

## וואס איר נעמט אריין און געבט ארויס

אייער באהאנדלונג שטאב גרופע וועט האלטן חשבון פון וויפיל עסן און פליסיגקייטן איר נעמט אריין יעדן טאג (סיי דורכ'ן מויל און סיי דורך אייער אינטערווינוס ליניע). זיי וועלן אויך מעסטן אייער יורין, סטאול, און סיי וואס איר ברעכט אויס.**פלאש'ט נישט אראפ אייער יורין, סטאול, אדער ברעכן אינעם טוילעט**אייער נורס אדער נורסינג געהילף וועט עס מעסטן און אראפ'פלאש'ן פאר אייך.

אייער קעירגעבער זאל אלעמאל טראגן הענטשיקעס בשעת'ן באהאנדלען אייער יורין, ברעכן, אדער סטאול. געוויסע כעמאטעראפיע מעדיצינען פארלאזן אייער קערפער אין אייער יורין. ווירוסן און באצילן קענען זיך געפונען אין אייער יורין און סטאול.

## בלוט טעסטס

מען וועט נעמען בלוט פון אייך פאר טעסטינג כאטש איין מאל א טאג און צומאל נאך אפטער. אייער בלוט וועט גענומען ווערן פון אייער צענטראלע ווענוס קאטעטער (CVC). געווענליך, וועט מען נעמען בלוט ביינאכט אזוי אז אייער טעסט רעזולטאטן זאלן שוין זיין גרייט ווען

אייערע דאקטוירים מאכן די ראונדס אינדערפרי.

די בלוט טעסטס וואס ווערן געמאכט די מערסטע אפט זענען:

- **פולע בלוט קאונט (CBC)** דער טעסט וואס מעסט די צעלן וועלכע פארעמען אייער בלוט: ווייסע בלוט צעלן, רויטע בלוט צעלן, און פלעיטלעטס.
- **בעיסיק מעטאבאליק פאנעל** דער טעסט מעסט אייער עלעקטראלייט שטאפלען, ניר פונקציע, און צוקער שטאפלען.
- **העפאטיק פונקציע** דער טעסט מעסט שטאפלען פון סך הכל פראטיען, אלבומין, בילירובין, און לעבער ענזיימס.
- **עפסטיען באר ווירוס (EBV)**, **סייטאמעגאלאווירוס (CMV)**, און **אדענאווירוס** זענען ווירעל אינפעקציעס וואס מיר קוקן איבער פאר כאטש איינמאל א וואך, וויבאלד זיי מאכן זיך צומאל ביי פאציענטן נאך א סטעם צעל טראנספלאנט.

## טראנספוזיעס

געוואנדן אין די רעזולטאטן פון אייער בלוט טעסטס, וועט אייער שטאב גרופע באשליסן אויב איר דארפט א טראנספוזיע פון רויטע בלוט צעלן אדער פלעיטלעטס.

אייערע רעזולטאטן וועלן זיין נידריגער ווי נארמאל ביז די סטעם צעלן הויבן אן וואקסן אין אייער ביין מארך. נאך איר באקומט אייער סטעם צעל טראנספלאנט, וועלן אייערע פאמיליע מיטגלידער מעגליך געבעטן ווערן צו ביישטייערן רויטע בלוט צעלן, פלעיטלעטס, אדער ביידע.

אייער בלוט טראגט אקסידזשען און נוטריענטס צו אלע צעלן אין אייער קערפער. בלוט צעלן באקעמפן אויך אינפעקציע און קאנטראלירן בלוטן. בלוט באשטייט פון 4 טיילן: רויטע צעלן, ווייסע צעלן, פלעיטלעטס, און פלאסמא.

- **רויטע בלוט צעלן** טראגן אקסידזשען פון אייערע לונגען צו אייערע צעלן. זיי ברענגען אויך די אויסווארף פראדוקט, קארבאן דיאקסייד, צוריק צו אייערע לונגען וואו עס ווערט ארויסגעאטעמט. העמאגלאבין וויזט וויפיל אקסידזשען די רויטע בלוט צעלן קענען טראגן און איז די נומער וואס מיר קוקן אויף צו זען אויב איר דארפט א רויטע בלוט צעל טראנספוזיע.
- **ווייסע בלוט צעלן** באקעמפן אינפעקציע און העלפן אייך אנטוויקלען אימיוניטי. עס זענען דא 3 סארט ווייסע בלוט צעלן: גראניולאסייטס, מאנאסייטס, און לימפאסייטס. יעדע

סארט האט זייער אייגענע וועג וויאזוי זיי העלפן אייער קערפער באקעמפן אינפעקציע. איר וועט הערן די ווערטער **ANC**, וואס איז ראשי תיבות פאר אבסאלוט ניוטראפיל קאונט. אייער ANC איז די סך הכל צאל ניוטראפיל אין אייער צאל ווייסע בלוט צעלן. וואס נידריגער די ANC, אלס העכער די געפאר פון אינפעקציע.

- **פלעיטלעטס** - סענען קאלירלאזע צעלן וואס זייער הויפט אויפגאבע איז צו קאנטראלירן בלוטן. ווען אייער צאל פלעיטלעטס איז נידריג, זענט איר אין געפאר פון בלוטן. געוואנדן אין אייער פלעיטלעט שטאפל אדער סימפטאמען, וועט איר מעגליך באקומען א טראנספוזיע.
- **פלאסמא** - איז די פליסיגע טייל פון בלוט. עס טראגט וואסער, נוטריענטס, מינעראלן, און הארמאנען ארום די קערפער. עס טראגט אויך פארשידענע אויסווארף פראדוקטן צו אייערע נירן אז זיי זאלן קענען ווערן ארויסגעטראגן פון אייער קערפער. פלאסמא פארמאגט אויך פראטיענס וואס העלפן אייער בלוט זיך צו קענען פארהארטעווען. אויב די פראטיענס זענען נידריג, וועט איר מעגליך באקומען א טראנספוזיע פון פרישע געפרוירענע פלאסמא אדער אן אינפוזיע פון אלבומין זיי צו ערזעצן.

# קעיר נעמען פון זיך דורכאויס די טראנספלאנט

## שאווערן

עס איז זייער וויכטיג צו האלטן אייער קערפער ריין. שאוער זיך יעדן טאג נוצנדיג א 4% CHG סאלושען אנטיסעפטיק הויט רייניגער, אזוויו Hibiclens®. 4% CHG סאלושן איז א הויט רייניגער וואס הרג'עט באצילן פאר 24 שעה נאך איר נוצט עס. נעמען א שויער מיט 4% CHG העלפט צו פארמינערן אייער געפאר פון אינפעקציע. אייער קעיר טיעם וועט אייך זאגן אויב עס איז דא א סיבה פארוואס איר זאלט זיך נישט באדן מיט 4% CHG.

אייער קעיר טיעם וועט אייך ווייזן וויאזוי צו נוצן 4% CHG. איר זאלט נאר נוצן היביקלענס אויף געוויסע טיילן פון אייער קערפער. נוצט עס נישט אויף אייער פנים, קאפ, מויל, דשעניטעלס אדער טיפע וואונדן. דאס איבריגע פון אייער קערפער קענט איר וואשן מיט זייף וואס איז ריין פון אלקאהאל אדער פון א שמעק. איר קענט ברענגען זייף פונדערהיים, אדער קענט איר עס באקומען פון אייער העלטקעיר שטאב גרופע. ביטע לאזט וויסן פאר אייער קעיר טיעם אויב איר האט סיי וועלכע הויט רעאקציע נאכן זיך וואשן מיט 4% CHG.

אייער קעיר טיעם וועט אייך ווייזן וויאזוי צו לייגן א וואסער-פראף צודעק (אזוי ווי AquaGuard®) איבער אייער CVC צודעק כדי עס צו האלטן טרוקן. שפריצט נישט קיין וואסער גלייך אויף אייער צודעק. לייגט נישט אריין סיי וועלכע קאטעטערס אין וואסער. אויב

אייער צודעק ווערט נאס אדער הויבט אן ווערן לויז, זאלט איר זאגן פאר דער נורס.

## וואשן אייער הענט

דזשערמס געפונען זיך אפטמאל אויף אייער הענט אדער אויף זאכן וואס איר רירט אן. וואשט אייער הענט גוט מיט זייף נאך איר נוצט דעם טוילעט און איידער איר עסט.

## קעיר נעמען פון אייער מויל

קעיר נעמען פון די מויל איז א וויכטיגע טייל פון אייער טעגליכע סדר היום. עס מוז געטון ווערן כאטש 4 מאל א טאג, אדער נאך אפטער אויב איר האט וואונדן אין אייער מויל. גוט קעיר נעמען פון די מויל קען העלפן פארמיידן אינפעקציעס און אנדערע פראבלעמען אין אייער מויל.

פאלגט אויס די אנווייזונגען אונטן.

- נוצט נאר די מאוט וואש (זייף צו אויסוואשן די מויל) וואס אייער נורס געבט אייך. נוצט נישט א מאוט וואש וואס מען קויפט אין א געשעפט. מאוט וואש פון געשעפטן קען וויי טון און אויסטרוקענען אייער מויל און האלז.
- אייער נורס וועט אייך אויך געבן ציין פוץ. נוצט עס נאר אויב עס טוט נישט וויי פאר אייער מויל.
- ווען די נומער פון אייער פלעיטלעטס איז נידריג, קענט איר גרינג אנהויבן צו בלוטן. זייט זייער פארזיכטיג ווען איר פוצט אייער ציין, און נוצט אלעמאל א **גאר-ווייכע ציין בערשטל**.
- עס זענען דא מענטשן וואס האבן מער ליב צו נוצן קליינע גרינע ספאנדזשעס צו קעיר נעמען פון זייער מויל. א מיטגליד פון אייער העלטקעיר שטאב גרופע קען אייך דאס געבן.
- נוצט נישט קיין דענטאל פלאס.
- צו האלטן אייערע ליפן פייכט, לייגט א קרעם אזוי ווי Aquaphor® אדער A&D® קרעם.
- אויב אייער מויל ווערט עמפינדליך, האלט זיך צוריק פון עסן הייסע, ציפעדיגע, שארפע, אדער הארטע עסנווארג. איר קענט בעסער עסן ווייכע אדער פליסיגע עסנווארג געגעסן קאלט אדער אינעם טעמפעראטור פונעם צימער.
- זאגט פאר אייער נורס אויב איר האט סיי וועלכע געשוואלענקייט, אומבאקוועמליכקייט, אדער ווייטאג אין אייער מויל. אויב דאס פאסירט, קען אייער דאקטער אייך פארשרייבן מעדיצין צו העלפן מיט די ווייטאג.
- אייער דאקטער קען אייך געבן פאר פרעסקריפשן פאר אן אנטיפונגעל אנטיביאטיק אייך

צו העלפן נישט באקומען אן אנטצינדונג אין אייער מויל. פאלגט אויס די אנווייזונגען מיט וואס עס קומט.

## נערונג

כעמאטעראפיע און ראדיאציע טעראפיע שעדיגט די אינערליכע שיכט פון אייער מאגן. דאס קען עס מאכן שווער פאר אייך צו עסן און טרינקען לענגאויס אייער צייט אין שפיטאל. איר וועט מעגליך דארפן באקומען א נאסאגאסטריק (NG) טיוב אדער באקומען נערונג דורך אייער IV געראפן TPN (טאטאל פארענטעראל נערונג) אייך צו צוריקהאלטן פון פארלירן וואג.

### איבער אייער NG טיוב

אן NG טיוב גייט דורך אייער נאז אריין צו אייער בויך. עס קען ווערן אריינגעלייגט דורך די נורס וואס איז נעבן אייך. אייער קעיר טיעם קען נוצן אייער טיוב צו:

- געבן מעדיצין וואס איר קענט נישט שלינגען.
- אייך געבן רינדעדיגע עסן ווען איר קענט נישט עסן גענוג דורך די מויל.
- פארלייכטערן גאז אדער לופט דרוק פון אייער בויך.

באקומען רינעדיגע עסן דורך אייער NG טיוב קען העלפן האלטן אייער גאסטראאינטעסטינעל טרעקט אקטיוו. אייער קעיר טיעם וועט ארויסנעמען אייער NG איינמאל איר קענט עסן, טרינקען און נעמען מעדיצין דורכן מויל. אייער קלינישע דייעטישן נוטרישעניסט וועט אייך געבן מער אינפארמאציע איבער די סארטן פון טיוב פידינגס וואס איר וועט דארפן און ווי אפט איר וועט עס דארפן.

### וועגן אייער TPN

דער TPN געמיש שטעלט צו אלע נוטריענטס וואס אייער קערפער דארף האבן דורך IV. איר וועט באקומען אייער נערונג דורך TPN אויב איר קענט נישט עסן אדער טרינקען אליין און איר קענט נישט האבן אן NG טיוב. אייער קעיר שטאב וועט נאכקוקן אייער נערונג שטאפלען יעדן טאג און וועט מאכן טוישונגען צו אייער TPN געמיש ווי נויטיג.

אפילו אויב איר באקומט NG טיוב פידינגס אדער TPN, קענט איר פרובירן צו עסן און טרינקען אויב איר שפירט זיך גענוג גוט. צווינגט זיך נישט צו עסן אדער טרינקען אויב איר שפירט זיך נישט גוט. אייער קלינישער דייעט נוטרישאניסט און נורס וועט רעדן צו אייך איבער די דייעט וואס איר וועט אויספאלגן. זיי וועלן אייך אויך ערקלערן וועלכע עסן איר זאלט עסן דורכאויס אייער באהאנדלונגען.

## איבונגען און פיזישע אקטיוויטעט

באוועגונג איז זייער וויכטיג. גייט ארויס פון בעט כאטש צוויי מאל א טאג. פרובירט ארומצוגיין אין אייער צימער יעדן טאג צו אנהאלטן אייער מוסקל טאון און שטארקקייט. זעצט זיך אויף אין אייער בענקל ווי אפט איר קענט און פאר ווי לאנג איר קענט יעדן טאג.

איר קענט ברענגען זאכן צו טון אזוויי א לעפטאפ, ביכער, און שפילערייען. אויב איר זענט א סטודענט, קענט איר ברענגען אייערע ביכער און באשרייבונגען צו בלייבן אין צייט מיט אייער שולע ארבעט. דער שפיטאל לערער וועט קומען צו אייער צימער און אייך העלפן מיט אייערע שטודיעס.

די פיזישע טעראפיסטן (oPT) און אקיופעישענאל טעראפיסטן (o'OT) וועלן אויך נאכקוקן אייערע געברויכן. זיי וועלן העלפן אנהאלטן אייער מוסקל טאון און שטארקקייט ווי ווייט מעגליך דורכאויס אייער סטעם צעל טראנספלאנט.

# וואס צו ערווארטן צויישן דאס אריינקומען אין שפיטאל און די טאג פון אייער טראנספלאנט.

## שטיצנדע באהאנדלונג

שטיצנדע קעיר מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן אדער באהאנדלען די סימפטאמען פון א קראנקהייט אדער זייטיגע אפעקט פאראורזאכט דורך באהאנדלונג ווי אמשנעלסטן. איר וועט באקומען עטליכע שטיצנדע באהאנדלונג מעדיצינען דורכאויס אייער טראנספלאנט צייט אין שפיטאל. זיי רעכענען אריין:

- **אנדאנסעטראן (Ondansetron):** דאס העלפט פארמינערן איבלונג (געפילן פון ברעכן) און ברעכן.
- **אורסאדיעל (Ursodiol)** דאס באשיצט אייער לעבער פון די זייטיגע אפעקטן פון כעמאטעראפיע.
- **אנטיביאטיק און אנטיווייערלס:** פארמיידט אדער באהאנדלט אינפעקציעס.
- **ווייטאג מעדיצין:** דאס וועט העלפן מיט ווייטאג אדער אומבאקוועמליכקייט וואס איר האט אלס טייל פון די זייטן ווירקונגען פון אייער באהאנדלונג. ווייטאג מעדיצין קען ארייננעמען נארקאטיקס, אזוויי אפיאידס. איך קענט אויך באקומען א פאציענט קאנטראלירטע אנאלגעסיא (PCA) פאמפ. א PCAפאמפ העלפט אייך קאנטראלירן אייער ווייטאג דורך זיך אליין געבן ווייטאג מעדיצין אינעם מאס וואס איז פארגעשריבן פאר אייך.

איר וועט אויך באקומען **רויטע בלוט צעל, פלעיטלעט, און פלאסמא טראנספוזיעס** צו פאררעכטן אנעמיע און צו פארמיידן בלוטן.

## סייטארעדאקטיוו טעראפיע

סייטארעדאקטיוו טעראפיע איז אדער כעמאטעראפיע אליינס אדער כעמאטעראפיע מיט ראדיאציע. סייטארעדאקטיוו טעראפיע וועט העלפן פארניכטן אלע קענסער צעלן אין אייער קערפער און גענצליך אפשוואכן אייער אימיון סיסטעם כדי עס זאל זיך נישט קעגנשטעלן צו די נייע בלוט סטעם צעלן.

איר וועט באקומען כעמאטעראפיע פאר עטליכע טעג. אייער שטאב גרופע וועט איבערגיין אייער באהאנדלונגס פלאן מיט אייך. איר קענט אויך איבערקוקן די קאפיע פון אייער ראודמעפ וואס געפונט זיך אויפ'ן פארנט פון דעם וועגווייזער. געוואנדן אין אייער באהאנדלונג, וועט איר האבן 1 אדער 2 טעג זיך אפצורוען נאך אייער סייטארעדאקטיוו טעראפיע איידער איר באקומט אייער בלוט סטעם צעל טראנספלאנט.

אויב איר באקומט ראדיאציע טעראפיע אלס טייל פון אייער סייטארעדאקטיוו טעראפיע, וועט איר באקומען שריפטליכע אינפארמאציע איבער טאטאלע קערפער איראדיאציע (TBI). איר וועט אויך באקומען א סקעדזשול מיט די צייטן פון יעדע סעסיע פון יענעם וואך. די באהאנדלונגען וועלן געגעבן ווערן 2 אדער 3 מאל א טאג. יעדע סעסיע גייט אן פאר צווישן 20 און 40 מינוט. א פאציענט באגלייטער וועט אייך נעמען צו און פון יעדע סעסיע.

# סארטן סטעם צעל טראנספלאנטן

די סארט טראנספלאנט וואס איר האט ווענדט זיך אין די קראנקהייט אדער דיאגנאז וואס ליגט אונטער אייער טראנספלאנט און:

- די סארטביישטייערער.
- די שטאפל פון HLA (סארטן פון טישו) צופאסונג צווישן אייך און אייער ביישטייערער.
- פון וואו די ביישטייערונג קומט (מארך, זייטיגע בלוט, אדער קארד בלוט).
- וויאזוי די סטעם צעלן ווערן פראצעסירט אינעם לאבאטאריע איידער איר באקומט זיי.

איר קענט ליינען מער איבער די אלע זאכן דא אונטן. אייער דאקטער וועט רעדן מיט אייך איבער די סארט טראנספלאנט וואס איר זענט באשטימט צו האבן.

## סארט ביישטייערער

- **אוטולאגיס ביישטייערע:** אייער אייגענע סטעם צעלן ווערן צוזאמגענומען אין די ביישטייערער צימער און געפרוירן. זיי קענען ווערן אויפגעלאזט אדער אין די לאבאטאריע אדער ביי אייער בעט. דער אנוועזנדער דאקטער וועט אריינלייגן די סטעם צעלן אין אייער CVC.
- **אלאדזשענעיק ביישטייערע:** סטעם צעלן ווערן בייגעשטייערט דורך א צווייטן. אן אלאדזשענעיק ביישטייערער קען זיין א פאמיליע מיטגליד אדער א פרייוויליגע ביישטייערער וואס איז נישט א פאמיליע מיטגליד.

## סארטן פון טישו

אויב איר האט אן אלאדזשענעיק סטעם צעל טראנספלאנט, קען אייער ביישטייערער זיין:

- **HLA צוגעפאסט** (אייניג)
- **HLA נישט צוגעפאסט** (נישט אייניג)

## פון וואו די סטעם צעלן קומען

בלוט סטעם צעלן קענען קומען פון:

- **ביין מארך:** מארך ווערט ארויסגענומען פון דער ביישטייערער׳ס דיכט ביינער ביי א פראצעדור אין די אפערירונג צימער. דער ביישטייערער וועט באקומען דזשענערעל אנעסטיזשע (מעדיצין זיי צו מאכן שלאפן) איידער דעם פראצעדור.
- **זייטיגע בלוט** בלוט סטעם צעלן ווערן גענומען פון דער ביישטייערער׳ס אדערן. דער ביישטייערער וועט נעמען G-CSF (Neupogen®) פאר 4 אדער 5 טעג איידער דעם ביישטייערונג. זיי וועלן דערנאך ביישטייערן די סטעם צעלן אין די בלוט ביישטייערער צימער נישט שלאפעדיגעהייט.
- **קארד בלוט** בלוט סטעם צעלן ווערן גענומען פון אמביליקעל קארד בלוט בייגעשטייערט דורך א מאמע נאך איר בעיבי ווערט געבוירן. די קארד בלוט צעלן ווערן געפרוירן און אויפגעלאזט ווען מען דארף עס. קארד בלוט קען קומען פון א פאמיליע מיטגליד, אבער עס קומט געווענליך פון א פובליק קארד בלוט באנק.

## סארט פראצעסירונג

- **גארנישט/זייער ווייניג** רויטע צעלן אדער פלאסמא קענען ווערן ארויסגענומען פון דער ביישטייערער׳ס מארך אדער זייטיגע בלוט, אבער מען טוישט דערנאך גארנישט. דאס ווערט אנגערופן אומגעטוישטע אדער T אנגעפולטע מארך אדער זייטיגע בלוט.

- T צעל פארמינערט דאס בייגעשטייערטע מארך אדער זייטיגע בלוט ווערט באהאנדלט אין די לאבאטאריע צו פארמינערן די צאל T צעלן. דאס העלפט נידערן אייער מעגליכקייט פון באקומען גרעפט קעגן דערהאלטער קראנקהייט (GVHD). די סארט סטעם צעל טראנספלאנט פלעגט ווערן אנגערופן "T צעל אויסגעליידיגט."

# וואס צו ערווארטן אינעם טאג פון אייער טראנספלאנט

צווישן 1 און 3 טעג נאך איר ענדיגט אייער סייטארעדאקטיוו טעראפיע באהאנדלונגען, וועט איר באקומען דער ביישטייערער'ס סטעם צעלן. די סטעם צעלן וועלן געגעבן ווערן צו אייך דורך אייער CVC פון אן איינשפריץ אדער א זעקל, ענליך צו א בלוט טראנספוזיע. דער נורס וועט איבערקוקן אייער טעמפעראטור, בלוט דרוק, פולס, און אקסידזשען שטאפלען בשעת און נאך די אינפוזיע. איר וועט אויך באקומען דיפענידראמיין (Benadryl®) און אקעטאמינאפען (Tylenol®) פאר אייער טראנספלאנט. דאס איז צו העלפן פארמינערן זייטן ווירקונגען וואס איר קענט האבן דורכאויס אייער אינפוזיע.

כאטש עס זענען זעלטן דא זייטיגע אפעקטן, וועט א נורס האלטן א שטרענגע אויג פאר סיי וועלכע זייטיגע אפעקטן דורכאויס אייער ביין מארך אדער זייטיגע סטעם צעל אינפוזיע. אויב איר באקומט א קארד בלוט טראנספלאנט, קענט איר מעגליך האבן הויכע בלוט דרוק פאר אביסל.

עטליכע אנדערע זייטן ווירקונגען וואס איר קענט האבן נעמען אריין:

- איבלונג
- ברעכן
- א קיצל אין אייער האלז
- א הוסט

אנדערע ווייניגער באקאנטע זייט ווירקונגען נעמען אריין:

- א פיבער
- טשילס
- נידריגע בלוט דרוק

דערציילט אייער קעיר טיעם און אייער קעירגעבער אויב איר האט סיי וועלכע פון די זייטן

ווירקונגען. זיי וועלן אייך העלפן עס מענעדשן.

אנגעוואנדן אויף די סארט פון טראנספלאנט וואס איר באקומט, קענט איר באמערקן א שטארקע, קנאבלדיגע טעם אין אייער מויל דורכאויס און נאך אייער טראנספלאנט. אייער ורין, שווייס און הויט קען אויך האבן א קנאבלדיגע שמעק. איר וועט אפשר נישט באמערקן די שמעק אבער די מענטשן ארום אייך וועלן מן הסתם יא. די שמעק ווערט געשאפן דורך די פרעזערוועטיוו גענוצט צו האלטן אייערע סטעם סעלס. עס וועט צוביסליך אוועקגיין איבער 1 ביז 2 טעג. איר קענט נוצן גאם, הארטע קענדיס אדער טרינקען אייך צו העלפן מיטן טעם.

איינמאל אריינגעלייגט, די בלוט סטעם צעלן וועלן אדורכפארן אייער בלוט שטראם ביז די פלאץ פון אייער ביין מארך. דארט, וועלן זיי וואקסן, און מאכן געזונטע בלוט צעלן פאר אייער קערפער. איר וועט בלייבן אין שפיטאל ביז אייער נייע סטעם צעלן וועלן ארבעטן און קענען מאכן גענוג ווייסע צעלן, רויטע צעלן, און פלעיטלעטס. דאס נעמט אומגעפער פון 4 ביז 6 וואכן פון דעם טאג פון אייער סטעם צעל טראנספלאנט.

# וואס צו ערווארטן נאך אייער טרענספלענט.

## ענגראפטמענט

ענגראפטמענט פון סטעם צעלן פאסירט ווען די בייגעשטייערטע צעלן גייען צו אייער מארך און מאכן געזונטע נייע בייגעשטייערער בלוט צעלן.

געוואנדן אין די סארט סטעם צעל טראנספלאנט וואס איר באקומט און אין אייער קראנקהייט, פאסירט ענגראפטמענט ערגעץ צווישן 2 און 4 וואכן נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט. די ערשטע צייכן פון ענגראפטמענט איז די צוביסליכע העכערונג פון אייער צאל ווייסע בלוט צעלן. ווען אייער ANC (אבסאלוט ניוטראפיל קאונט) איז 0.5 אדער העכער פון 3 טעג נאכאנאנד, זענט איר גערעכנט צו זיין ענגראפטעד. פלעיטלעטס זענען געווענליך די לעצטע סארט בלוט צעל זיך צו ערהוילן. ענגראפטמענט קען נעמען לענגער צוליב אינפעקציע, מעדיצינען, נידריגע צאל בייגעשטייערטע סטעם צעלן, אדער גרעפט פעלער.

די נייע ביין מארך קען אנהויבן מאכן צעלן אין די ערשטע מאנאט נאך א סטעם צעל טראנספלאנט, אבער עס קען נעמען עטליכע מאנאטן פאר אייער גאנצע אימיון סיסטעם זיך צו גענצליך ערהוילן. אייער מעדיצינישע שטאב גרופע וועט האלטן אן אויג אויף אייער בלוט צו זען וויאזוי אייער אימיון סיסטעם ערהוילט זיך.

## גרעפט קעגנשטעלונג און גרעפט פעלער

טייל מאל, ענגראפט'ען זיך נישט די נייע צעלן אזוי ווי מיר וואלט געוואלט זיי זאלן טון. גרעפט קעגנשטעלונג מיינט אז אייער אימיון סיסטעם שטעלט זיך קעגן די נייע סטעם צעלן. די סייטארעדאקטיוו באהאנדלונגען וואס איר באקומט איידער אייער סטעם צעל טראנספלאנט איז געמאכט צו העלפן פארמיידן גרעפט קעגנשטעלונג.

אויב אייער קעיר שטאב גרופע זעט צייכענעס פון גרעפט קעגנשטעלונג אדער פעלער, וועלן זיי דורכפירן ספעציעלע טעסטס אויף אייער בלוט און ביין מארך. די רעזולטאטן פון די טעסטס וועלן אנווייזן וואס אייער ווייטערדיגע באהאנדלונג זאל זיין. אייער דאקטער וועט רעדן מיט אייך איבער אייערע אויסוואלן פון באהאנדלונג.

# מעגליכע קאמפליקאציעס נאך אייער טראנספלאנט

פארשידענע פראבלעמען קענען זיך מאכן ווען איר ווארט פאר אייער בלוט נומערן צוריקצוקומען צו נארמאל. ביישפילן רעכענען אריין אינפעקציעס, וואונדן אין די מויל, דייעריע (לויזע אדער וואסעריגע בויעל באוועגונגען), בלוטן, און אנעמיע. אייער קעיר שטאב גרופע וועט אייך האלטן אן אויג פאר צייכענעס פון גלידער פארגיפטונג (הארץ, לונג, ניר און לעבער) און פאר GVHDעס זענען געווענליך דא שריט וואס איר און אייער קעיר שטאב גרופע קענען נעמען צו אפהאלטן, קעיר נעמען און באהאנדלען אזעלכע קאמפליקאציעס.

פאר מער איינצלהייטן, קוקט איבער די צושטימונג בויגן וואס איר האט אונטערגעשריבן מיט אייער דאקטער.

יעדער מענטש'ס דורכגאנג איז אייגנארטיג. נישט יעדער וועט באקומען די סימפטאמען אדער קאמפליקאציעס וואס ווערן אויסגערעכנט אונטן. אלס א שטאב גרופע, וועלן מיר האלטן א שטרענגע אויג אויף אייך 24שעה א טאג. ביטע האלט זיך נישט צוריק פון פרעגן פראגעס אדער אויסדרוקן אייערע זארגן דורכאויס אייער טראנספלאנט רייזע!

## מיוקאסייטיס און דייעריע

מיוקאסייטיס איז געשוואלענקייט און אייער מויל, אינעווייניג אין אייערע באקן און ליפן, און אראפ אייער גאנצע דיידזשעסטיוו טרעקט. געוויסע כעמאטעראפיע דראגס און ראדיאציע טעראפיע קענען פאראורזאכן די געשוואלענקייט. די געשוואלענקייט קען צוברענגען צו פיינפולע וואונדן, שוועריקייט מיט שלינגען, און דייעריע.

מיוקאסייטיס און דייעריע הויבן זיך געווענליך אן צווישן 3 און 10טעג נאך די באהאנדלונג הויבט

זיך אן. זיי היילן זיך געווענליך אויס צווישן 2 און 4 וואכן נאך דער טראנספלאנט ווען ענגראפטמענט פאסירט. איר וועט באקומען מעדיצינען קעגן די ווייטאג לויט ווי איר דארפט כדי איר זאלט זיך שפירן באקוועם.

## אינפעקציע

איר וועט זיין אין געפאר פון באקומען באקטעריעל, פאנגעל, און ווייראל אינפעקציעס פאר עטליכע מאנאטן נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט. דאס איז וויבאלד אייער אימיון סיסטעם ארבעט נישט אינגאנצן. די אינפעקציעס זענען א גרויסע געפאר פאר אייער וואוילזיין, ספעציעל אין די אנהויב פון אייער ערהוילונגס צייט ביז אייער ביין מארך הויבט אן וואקסן און מאכט ווייסע בלוט צעלן צו באקעמפן אינפעקציע. ניוטראפילס היילן זיך די ערשטע און באקעמפן באקטעריעל אינפעקציעס, אבער T-לימפאסייטס (T צעלן) וועלכע באקעמפן ווייראל און געוויסע פאנגעל אינפעקציעס קען נעמען עטליכע מאנאטן ביז זיי ערהוילן זיך.

פיבער איז א וויכטיגע צייכן פון אינפעקציע. אויב איר באקומט פיבער, וועט מען טון טעסטס (אזוויי בלוט קולטור טעסטס) צו אויסגעפונען וואס פאראורזאכט די פיבער. איר וועט באקומען אנטיביאטיק צו העלפן אייער קערפער באקעמפן די אינפעקציע.

כמעט יעדער איינער באקומט פיבער דורכאויס די ערשטע 2 וואכן נאך דעם טראנספלאנט. אייער שטאב גרופע קען טוישן די אנטיביאטיק וואס איר נעמט צו באקעמפן די אינפעקציע וואס פאראורזאכט די פיבער. מערסטנס אינפעקציעס ווערן ערפאלגזאם באזיגט מיט אנטיביאטיק. אויב אייער קעיר שטאב גרופע טראכט אז איר האט א סענטראל ליין אינפעקציע, וועט א דאקטער ארויסנעמען אייער ליין און אריינלייגן זייטיגע IV'ס אייך צו געבן אייערע מעדיצינען. אייער סענטראל ליין קען ווערן ארויסגענומען ווען איר זענט אין אייער שפיטאל צימער.

אנדערע טעסטס וואס קענען געטון ווערן ווען איר האט פיבער רעכענען אריין:

- בלוט טעסטס צו איבערקוקן פאר געוויסע אינפעקציעס.
- עקס-רעיס.
- קאמפיוטעד טאמאגראפיע (CT) סקענס אדער א פאסיטראן עמיסיע טאמאגראפיע (PET) סקען צו אויפזוכן אן אינפעקציע אין אייער אינערליכע גלידער.

איר וועט באקומען מעדיצינען צו באהאנדלען און פארמיידן אינפעקציעס. איר וועט אויך באקומען אנטי-ווייראל מעדיצינען צו העלפן אפהאלטן סיי וועלכע ווייראל אינפעקציעס וואס

איר אמאל געהאט פון צוריקקומען נאך אייער סטעם צעל טראנספלאנט. די אינפעקציעס קענען אריינגעמען:

- קעלט וואונדן
- שינגעלס
- נעמאסיסטיס יוראוועסי לונגען אנצינדונג (PCP)
- סייטאמעגאלאווייִרוס (CMV)
- אנדערע אינפעקציעס וואס אפעקטירן די לונגען אדער מאגן

מענטשן וועמען׳ס אימיון סיסטעם ארבעטן נישט גוט קענען באקומען אינפעקציעס וואס געזונטע מענטשן וועלן געווענליך נישט באקומען. די אינפעקציעס ווערן אנגערופן אפארטוניסטיק אינפעקציעס. איר וועט מעגליך דארפן מעדיצינען אייך צו באשיצן פון אפארטוניסטיק אינפעקציעס. איר זענט אין געפאר פון אפארטוניסטיק אינפעקציעס ביז אייער צאל ווייסע בלוט צעלן און אייער אימיון סיסטעם גייען צוריק צו נארמאל.

## בלוט

פלעיטלעטס זענען קאלירלאזע צעלן וואס זענען א טייל פון אייער בלוט. זיי ווערן געמאכט אין אייער ביין מארך. די הויפט אויפגאבע פון פלעיטלעטס איז צו אפשטעלן בלוטן.

ווען אייער צאל פלעיטלעטס פאלט נידריגער ווי א געוויסע נומער באשטימט דורך אייער דאקטער, וועט איר באקומען א פלעיטלעט טראנספוזיע צו פארמיידן בלוטן. אויב איר האט בלוטן, וועט איר קענען באקומען נאך פלעיטלעטס אדער פרישע געפרוירענע פלאסמא (FFP) צו ערזעצן פראטיענס וואס איז נויטיג פאר אייער בלוט זיך צו פארהארטעווען.

צו פארמיידן בלוטן:

- שטייט ווייט פון שארפע זאכן (אזוי ווי א שער מאשין מיט א גראדע עק, א שערל, און נעגל שניידער)
- נוצט א ווייכע ציין בערשטל און פלאס׳ט נישט.
- בלאזט אייער נאז איידעלעהייט, אויב נויטיג.
- פארמיידט אראפצופאלן.

## אנעמיע

ווען אייער צאל רויטע בלוט צאלן איז נידריג, קענט איר זיך מעגליך שפירן שוואך און מער מיד ווי געווענליך. אייער העמאגלאבין (א מעסטונג פון אייער צאל רויטע בלוט צעלן) וועט ווערן איבערגעקוקט יעדן טאג. אויב אייער העמאגלאבין איז נידריג, וועט איר באקומען א רויטע בלוט צעל טראנספוזיע.

## אבר פראבלעמען

איר קענט מעגליך ליידן שאדן אין אייער נירן, בלעדער, לעבער, לונגען, הארץ, אדער סענטראל נערוויס סיסטעם. איר וועט אפטמאל ווערן אונטערגעזוכט און האבן טעגליכע לאבאטאריע טעסטס צו איבערקוקן פאר שאדן אין אינערליכע גלידער. אייער באהאנדלונג וועט ווערן ארומגעטוישט ווען עס פעלט אויס כדי צו פארמינערן די שאדן. ביישפילן פון טוישונגען רעכענען אריין צו טוישן א מעדיצין וואס איר נעמט אדער נידערן די דאזע פון א מעדיצין וואס איר נעמט.

### נירן

אייערע נירן זופן אדורך אייער בלוט און מאכן יורין כדי ארויסצוטראגן אויסוואורף פראדוקטן פון אייער קערפער. כעמאטעראפיע און אנדערע מעדיצינען קענען אפעקטירן ווי גוט אייערע נירן ארבעטן.

אייער מעדיצינישע שטאב גרופע וועט וויסן ווי גוט אייערע נירן ארבעטן דורך האלטן אן אויג אויף אייער טעגליכע בלוט טעסטס (BUN און קריעיטינין) און וויסן ווי גוט אייערע נירן מאכן יורין צו ארויספירן גיפטן פון אייער קערפער. דאס איז די סיבה פארוואס אייער נורס ווייסט און שרייבט אראפ פונקטליך וויפיל איר טרינקט און וויפיל יורין איר געבט ארויס. דאס איז אויך די סיבה פארוואס איר מוזט ווערן אפגעוואויגן כאטש איין מאל א טאג. אויב אייער וואג גייט ארויף, קענט איר מעגליך דארפן א מעדיצין צו העלפן אייערע נירן ארויספירן פליסיגקייט און גיפטן פון אייער קערפער.

נאך טעסטס וואס מען קען מאכן צו איבערקוקן ווי גוט אייערע נירן ארבעטן זענען:

- 24-שעה יורין צוזאמנעמונג פאר א קריעיטינין קליערענס טעסט.
- גלאמעריולאר פילטרעישין ראטע (GFR) וואס ווערט געטון אין די ראדיאלאגיע דעפארטמענט.

שאדן צו אייערע נירן קענען ברענגען צו הייפערטענשין (הויכע בלוט דרוק) וואס מוז ווערן באהאנדלט. אייער מעדיצינישע שטאב גרופע וועט באשליסן אויב איר דארפט באהאנדלונג דורך קוקן אויף די ציפערן פון אייער וויטעל סיינס. אייערע וויטעל סיינס וועלן ווערן

איבערגעקוקט יעדע 4 שעה אדער אפטער געוואנדן אויף אייערע געברויכן.

## בלעדער (העמארהאגיק סיסטייטיס)

געוויסע דראגס, אזויווי סייקלאפאספאמייד (®Cytoxan), און געוויסע ווירוסן, אזויווי BK ווירוס, קענען שעדיגן די אינערליכע שיכט פון אייער בלעדער. דאס קען צוברענגען צו האבן בלוט און אייער יורין און עס מאכן ווייטאגליך ארויסצוגעבן יורין. דאס ווערט אנגערופן העמארהאגיק סיסטייטיס.

צו העלפן פארמיידן אדער באהאנדלען די פראבלעם, וועט איר באקומען אסאך IV פליסיגקייטן. דאס וועט אייך מאכן ארויסגעבן יורין מער אפט. באהאנדלונג פאר BK ווירוס קען אריינגעמען מעדיצינען קעגן ווייטאג און אנטיביאטיק. טייל מאל, קען א יורינערי (פאלי אדער גלייך) קאטעטער ווערן אריינגעלייגט אין אייער בלעדער אייך צו פארגרינגערן ארויסצוגעבן יורין.

## לעבער

אייער לעבער נעמט ארויס שעדליכע זאכן פון אייער בלוט, נעמט אריין נוטריענטס, און מאכט וויכטיגע פראטיענס צו העלפן אייער בלוט מיט זיך קענען פארהארטעווען. עס מאכט אויך בייל צו העלפן פארדייען פעטיגע עסנווארג. שאדן צו אייער לעבער קען צוברענגען צו אסאך פראבלעמען.

נאך דעם טראנספלאנט, זענען מיר עקסטער באזארגט אויב קליינע אדערן אין אייער בלוט ווערן געשעדיגט. די אדערן קענען ווערן אפגעשפארט, וואס דאס מאכט עס שווער פאר בלוט צו פליסן ווי עס דארף. די סארט שאדן ווערן אנגערופן ווענא-אקלוסיוו קראנקהייט (VOD) אדער סיינאסאודעל אבסטראקטיוו סינדראם (SOS).

VOD/SOS קענען צוברענגען אז אייער לעבער זאל ווערן גרעסער און שעדיגן אייער לעבער צעלן. געשוואלענקייט פון די לעבער קען אויך פאראורזאכן ווייטאג אין די אויבערשטע רעכטע זייט פון אייער בויך, אונטער אייערע ריב ביינער. וויבאלד פליסיגקייט קען נישט אדורכגיין אייער לעבער, קען זיך פליסיגקייט צוזאמנעמען אין אייער בויך. דאס ווערט אנגערופן עסייטס. VOD/SOS קען זיין מילד אדער ערנסט געוואנדן אין וויפיל פליסיגקייט אייער לעבער קען נישט פארנעמען.

צו איבערקוקן וויאזוי אייער לעבער ארבעט, מוזט איר האבן:

- בלוט לאבאטאריע ארבעט (בילירובין, AST, ALT, און בלוט פארהארטעווענדע פראטיענס)

- אן אולטראסאונד סקען צו זען די גרויסקייט פון אייער לעבער, וויפיל עסייטס איר האט, און ווי גוט בלוט קען דורכפליסן אייער לעבער.

אויב איר באקומט VOD/SOS, מוזט איר באקומען באהאנדלונג דורך מעטילפרעדניסאלאון, דיפיבראטייד, אדער ביידע מעדיצינען. אייער דאקטער וועט אדורכרעדן די אויסוואלן פון באהאנדלונג מיט אייך.

## לונגען

אייערע לונגען קאנטראלירן אייער אטעמען. איר קענט מעגליך אטעמען שנעלער אדער ליידן פון א נידריגע שטאפל פון אקסידזשען אויב עס איז דא א פראבלעם מיט אייערע לונגען. פראבלעמען מיט די לונגען וועלכע קענען פאסירן נאך א סטעם צעל טראנספלאנט נעמען אריין:

- שאדן צו אייערע לונגען פון כעמאטעראפיע אדער ראדיאציע וואס פאראורזאכט געשוואלענקייט און וואונדן (אינטערסטישעל ניומאנייטיס). אויב דאס פאסירט, קומט עס געווענליך ארויף שפעטער נאך דער טראנספלאנט.
- לונגען אנצינדונג פאראורזאכט דורך אן אינפעקציע אין אייערע לונגען.

לונג אינפעקציעס פאסירט מערסטנס מאל אין די ערשטע פאר וואכן נאך א סטעם צעל טראנספלאנט. אייערע קעיר טיעם וועלן האלטן א שטרענגע אויג אויף אייך פאר סיי וועלכע צייכענעס פון לונגען אנצינדונג. זאגט זיי אויב איר באמערקט סיי וועלכע ענדערונג אין אייער אטעמען אדער אויב איר הויבט אן הוסן. באהאנדלונג פון לונגען אנצינדונג ווענדט זיך אין וועלכע באציל, ווירוס, אדער פונגוס האט צוגעברענגט צו די לונגען אנצינדונג.

צו העלפן טרעפן א לונגען אינפעקציע, וועט איר מעגליך דארפן האבן א:

- עקס-רעי פון אייער ברוסט קאסטן
- CT סקען
- בראנקאסקאפי (א פראצעדור וואו מען נעמט אביסל פליסיגקייט פון אייערע לונגען עס צו קענען איבערקוקן פאר אינפעקציע).

צו העלפן פארמיידן און באהאנדלען לונגען אנצינדונג, איז וויכטיג פאר אייך צו מאכן איבונגען מיט אייערע לונגען. אייער נורס וועט אייך וויזן וויאזוי צו נוצן אן אינסענטיוו ספיראמעטער (א דעוויס וואס איר אטעמט אריין דערין וואס העלפט אייער לונגען זיך צו אויסברייטן). געווענליכע, טיפע אטעם איבונגען קענען אויך העלפן.

## הארץ

אייער הארץ פּאמפּ'ט בלוט צו אייער גאנצע קערפּער. געוויסע כעמאטעראפּיע דראגס קענען האבן זייטיגע אפעקטן וואס שעדיגן אייער הארץ. אייערע דאקטוירים וועלן האלטן א שטרענגע אויג אויף אייער הארץ פונקציע ווען איר זענט אין שפּיטאל.

אייער הארץ פונקציע קען ווערן איבערגעקוקט נוצנדיג:

- לאבאטאריע טעסטס
- אן עלעקטראקארדיאגראם (EKG)
- אן עקאקארדיאגראם (ECHO)

## גרעפט קעגן דערהאלטער קראנקהייט (GVHD)

T צעלן זענען ווייסע בלוט צעלן וועלכע אטאקירן פרעמדע מאטעריאלן אזוויי ווירוסן און פונגוס. T צעלן אטאקירן אויך פרעמדע גרעפסט (טישו טראנספלאנטס), אזוויי מארך, ניר, לונג, אדער הארץ טראנספלאנטס. דאס ווערט גערופן גרעפט קעגנשטעלונג. T צעלן אין די ביישטייערער טישו אטאקירן אויך פרעמדע מאטעריאלן. די ביישטייערער T-צעלן (גרעפט) זעט די פאציענט (דערהאלטער) אלס פרעמד און אטאקירט דער פאציענט'ס טישוס. דאס ווערט גערופן גרעפט קעגן דערהאלטער קראנקהייט.

GVHD קען זיך מאכן ווען די נייע סטעם צעלן הויבן זיך אן ענגרעפט'ן (וואקסן). די געפאר פאר GVHD איז נידריגער, אבער נישט אפוועזנד, אין מענטשן וועלכע באקומען א גוט צוגעפאסטע HLA גרעפט אדער א T צעל נידריגע (אויסגעליידיגטע) סטעם צעל טראנספלאנט.

יעדער וואס זייער ביישטייערער איז נישט אן אייניגע צווילינג באקומט עפעס א סארט פארמיידונג פאר GVHD. די פארמיידונג רעכנט אריין אדער ארויסנעמען די T צעלן פון די טראנספלאנט אדער נעמען מעדיצינען (אזוויי MMF, סייקלאספאריין, אדער טאקראלימוס). אייער דאקטער וועט רעדן מיט אייך איבער די אלע אויסוואלן איידער איר קומט אריין אין שפיטאל.

עס זענען דא 2 סארט GVHD:

- **עקיוט (acute)** (אין אנהויב, געווענליך אין די ערשטע 3 מאנאטן נאכ'ן טראנספלאנט)
- **כראניש** (שפעט און לענגערע אויפפירונג). כראנישע GVHD פאסירט געווענליך נאך די ערשטע 100 טעג, און דערין די ערשטע יאר פונעם טראנספלאנט.

באקאנטע צייכענעס פון עקיוט GVHD רעכנט אריין:

- אויסשלאג אויפ'ן הויט, הויבט זיך אפטמאל אן אויפ'ן האנטפלאך אדער די זוילן פון די פיס
- דייעריע
- דזשאונדיס (א געלע קאליר אינעם הויט)
- נישט געוועגליכע לעבער פונקציע טעסטס

באקאנטע צייכענעס פון כראנישע GVHD רעכנט אריין:

- אויסשלאג אויפ'ן הויט אדער דריקענע אדער דיקע הויט
- פארלירן ענערגיע
- פארלירן אפעטיט און וואג
- דייעריע
- טרוקענע מויל און וואונדן אינעם מויל
- טרוקענע אויגן
- פארלירן האר
- לעבער געשוואלענקייט

GVHD קען זיין מילד אדער ערנסט. אייער מעדיצינישע שטאב גרופע וועט אייך כסדר איבערקוקן פאר סיי וועלכע פון די צייכענעס און וועלן רעקאמענדירן טעסטס פאר אונטערזוכונג און באהאנדלונג אויסוואלן.

טעסטס וועלכע קענען געטון ווערן צו איבערקוקן פאר GVHD זענען:

- לאבאטאריע טעסטס
- הויט בייאפסי
- קאלאנאסקאפי אדער ענדאסקאפי צו נעמען בייאפסיס (טישו ביישפילן) פון די אינערליכע שיכט פון אייער מאגן

פארבינדט זיך אלעמאל מיט אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער זארגן. א מעמבער פון אונזער קעיר טיעם וועט אייך ענטפערן מאנטאג ביז פרייטאג פון 9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג. אין אנדערע שעות, קענט איר לאזן א מעסעדזש אדער רעדן מיט אן אנדערן MSK פראוויידער. עס איז אייביג דא א דאקטאר אדער נורס גרייט. אויב איר זענט נישט זיכער וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט אייער העלטקעיר פראוויידער, רופט 212-639-2000.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---

About Your Stem Cell Transplant: Information for Pediatric Patients - Last updated on March 6, 2025

אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center